# דעם רבינ'ס ליכט



**אַייערע קינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיך גִּיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

ויחי תשפ"ב
גליון 72

## דער ריינער קוואל

### אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער

טַייעֶרֶע קִינְדֶער! דִי וָואךְ הָאבְּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט גֶעפְּרַאוֶועט דֶעם יָארְצַייט פוּנֶעם הֵייליִגְן צַדִּיק דֶער קְדוֹשׁ עֶלְיוֹן, דֶער מֹחַ פוּן דֶער וֶועלְט ר' נָתָן שְׁטֶערְנְהַארְץ פוּן בְּרֶסְלֶב, דֶער גְרֶעסְטֶער תַּלְמִיד פוּנֶעם הֵייליִגְן רֶבִּי'ן.

וֶוער קֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען יָארְן וֶוען עֶס זֶענֶען זִיךְ צוּנוֹיף גֶעקוּמֶען בְּלוֹיז פִּינְף תַּלְמִידִים פוּן ר' נָתָן, וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶועְרֶע מִלְחָמוֹת, רְדִיפוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת אָן אַ שִׁיעוּר, אָבֶּער ר' נָתָן הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת בִּיז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, וָואס בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג טוּט טְלוּאִין דֶעם הֵייליִגְן רֶבִּי'נְס פַייעֶר'ל בִּזְכוּת ר' נָתָן.




אָבֶּער מִיר דַארְפְן וִויסְן אַז הַיינְטִיגְן דוֹר זֶענֶען מִיר אוֹיפְן פְרָאנְט, דֶער בַּעַל דָבָר מִיטְן יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְן זִיךְ אוֹיף יֶעדְן פוּן אוּנְז בַּאזוּנְדֶער אוּנְז אַרָאפְּצֶעוַוארְפְן, צֶעקְלַאפְּן אוּן קַאלְט מַאכְן יֶעדְן דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָׁה.

דִי עֵצָה צוּ קֶענֶען שְׁטֵיין קֶעגְן זַיינֶע שְׁטֶעכֶעדִיגֶע צֵיינֶער אִיז אַזוֹי וִוי ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת: "לְכוּ אֶל יוֹסֵף אֲשֶׁר יֹאמַר לָכֶם תַּעֲשׂוּ" גֵיין צוּם צַדִּיק אוּן פָאלְגְן וָואס עֶר זָאגְט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (תורה קכ"ג) "דֶער עִיקָר אוּן יְסוֹד וָואס אַלֶעס וֶוענְד זִיךְ אִין דֶעם אִיז זִיךְ צוּ מְקַשֵּׁר זַיין צוּם צַדִּיק שֶׁבַּדּוֹר אוּן אָנְנֶעמֶען זַיינֶע רֵייד אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אַ גְרוֹיסֶע אָדֶער קְלֵיינֶע זַאךְ, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְרִירְן פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער נִישְׁט אוֹיף לִינְקְס אָדֶער רֶעכְטְס. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף רֶעכְטְס אַז דָאס אִיז לִינְקְס דַארְפְן מִיר אַוֶועקְלֵייגְן דֶעם שֵׂכֶל אוּן אִים גְלֵייבְּן אוּן כָּל שֶׁכֵּן וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף רֶעכְטְס אַז דָאס אִיז רֶעכְטְס.

אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז צוּ אַוֶועקְוַוארְפְן אַלֶע חָכְמוֹת אוּן שֵׂכֶל, אוּן זִיךְ מַאכְן אַזוֹי מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, נָאר דִי שֵׂכֶל וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן צַדִּיק וֶועלְן מִיר נוּצְן.

חֲזַ"ל זָאגְן "יִצְרוֹ שֶׁל אָדָם מְחַדֵּשׁ עָלָיו בְּכָל יוֹם וּמְבַקֵּשׁ לַהֲמִיתוֹ" דָאס מֵיינְט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע בַּאנֵייט זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אוּן וִויל אִים הַרְגְ'נֶען, דִי צַדִּיקֵי אֱמֶת שְׁטֵייעֶן אַנְטְקֶעגְן אִים אוּן בַּאנֵייעֶן יֶעדְן טָאג פְרִישֶׁע עֵצוֹת פַאר אוּנְז, אָבֶּער מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת.

המשך אויף זייט 8

# בַּאהָאגְלְט מִיט שְׁטֵיינֶער!

אִין יָאר תר"ד הָאט ר' נָתָן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין זוּן ר' נַחְמָן מִיט דִי טָאכְטֶער פוּן הרה"ח רֶבִּי יִשְׂרָאֵל פוּן שְׁטָאט לִיפָּאוִויץ, דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיין יָאר פַאר ר' נָתָן אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן.

וֶוען עֶס גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער צוּם טָאג פוּן דֶער חֲתוּנָה, אִיז ר' נָתָן גֶעפָארְן בַּאגְלֵייט מִיט עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט צוּ דֶער חֲתוּנָה. עֶס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ מִנְהָג אַז דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי כַּלָּה אוּן זַייעֶר מִשְׁפָּחָה זֶענֶען אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט צוּ גֵיין אַנְטְקֶעגְן דֶעם חָתָן מִיט גֶעזֶענְג. וֶוען דִי מִתְנַגְּדִים דִי אַיינְוואוֹינֶער



פוּן שְׁטָאט הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז ר' נָתָן קוּמְט צוּ פָארְן, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן שְׁטֵיינֶער אִים צוּ מְקַבֵּל פָּנִים זַיין... אוּן אַזוֹי אִיז לַיידֶער גֶעשֶׁען, וֶוען ר' נָתָן מִיט זַיין זוּן דֶער חָתָן, זֶענֶען גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער צוּם שְׁטָאט, זֶענֶען דִי מִתְנַגְּדִים אִים בַּאפַאלְן.

ר' נָתָן הָאט צוּגֶעזֶען דִי קוֹלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן וָואס אִיז דָארְט פָארְגֶעקוּמֶען, אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַייט, צוּם נָאנְטְן וַואלְד, וֶוען אִינְצְוִוישְׁן אִיז דֶער מְחוּתָּן ר' יִשְׂרָאֵל גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פָּאלִיצֵיי סְטַאנְצְיֶע, וואוּ דִי אָפִיצִירְן זֶענֶען טַאקֶע גֶעקוּמֶען אָפְּשְׁטֶעלְן אַז דִי חֶבְרָה זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען שְׁלָאגְן אוּן פַארְפִירְן.

וֶוען דִי קְרִיג הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט הָאט דֶער גֶעטְרֵייעֶר גַּבַּאי פוּן ר' נָתָן ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער בַּאמֶערְקְט אַז ר' נָתָן אִיז נֶעלְם גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז ר' נָתָן גֶעפִינְט זִיךְ אִין... וַואלְד, עֶר גֵייט אַרַיין טִיף אִין וַואלְד אוּן זֶעט, וִוי ר' נָתָן זִיצְט אִין וַואלְד אוּן רֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן...

עֶר לֵייגְט צוּ אַן אוֹיעֶר אוּן הֶערְט וִוי דִי וֶוערְטֶער קוּמֶען אַרוֹיס פוּן ר' נָתָנְ'ס הֵיילִיגֶע מוֹיל: **"... רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶועלְכֶער מְחוּתָּן הָאט אַזַא קַבָּלַת פָּנִים וִוי מַיינֶע? אַז אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער מַאכְט חֲתוּנָה אַ קִינְד, הָאט עֶר אַזַא קַבָּלַת פָּנִים? אִיז דָאךְ דָאס נָאר דֶערְפַאר וַוייל אִיךְ רֶעד פוּנֶעם רֶבִּי'ן".**

ר' נָתָן הָאט זִיךְ דַאן גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם פָּסוּק וָואס דֶער רֶבִּי אִיז מְבָאֵר אִין תּוֹרָה ס"ו "שֶׁעִקַּר גְּדֻלָּתֵנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ שֶׁל כָּל הַיְרֵאִים וְהַכְּשֵׁרִים יִהְיֶה רַק לֶעָתִיד לָבוֹא" וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט אוֹיךְ אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע לַייט. ר' נָתָן הֵייבְּט אָן זִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער מִיטְן בַּאוואוּסְטְן נִיגוּן פוּן אֵשֶׁת חַיִל **"אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט וֶועט מֶען זֶעהְן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט וֶועט נָאר זַיין אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט".**

ר' נָתָן גֵייט יֶעצְט צוּרִיק צוּ זַיין וָואגְן אוּן פָארְט אַרַיין אִין שְׁטָאט אוּן דִי חֻפָּה אִיז גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן כַּדָּת וְכַדִּין.

**לעצטע דערמאנונג! צו אלע חשוב'ע קינדער וועלכע וואוינען אין ארץ ישראל און האבן נאכנישט באקומען קיין מתנה פאר די נקודות פון די בחינות אויף סיפורי מעשיות, קענען זיך ווענדן**

**צום מלמד ר' יואל יאראוויטש**

**אין חדר ברסלב, בית שמש,**

**אדער אויפן טעלעפאן 052-7166953**

**די קינדער פון חוץ לארץ וואס האבן שוין העכער 80 נקודות זאלן לאזן א קלארן מעסעדש מיט א סעלפאן נומער פון זייערע עלטערן ווי מען וועט זיך בעז"ה פארבינדן אין די קומענדיג טעג.**

# מַיין
# מַעֲשֶׂה'לֶע

אַ גוטְן בִּנְיָמִין, ווילְסְט אונְז דֶערְצֵיילְן דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וֶוען דו הָאסְט זִיךְ בַּאקֶענְט מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?

יָא בעז"ה וֶועל אִיךְ דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל וָואס אִיךְ גֶעדֶענְק. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גָאר אַ קְלֵיין אִינְגְל, פְלֶעג אִיךְ גֵיין דַאוְונֶען אִין אַ שׁול וואו עֶס הָאבְּן גֶעדַאווְנְט מְקֹרָבִים צום הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס וֶועג, אִיךְ גֶעדֶענְק אַז עֶס אִיז דָארְט גֶעוֶוען דִי קָאלִירְטֶע סְפָרִים פון בְּרֶסְלֶב, אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שום שַׁייכות צו דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ.

דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "אויבּ דו וֶועסְט זִיךְ אֵיינְ'חַזְרְ'ן אֵיין תּוֹרָה פון לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אויף אויסֶעוֶוייניג וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן פִינְף שֶׁקֶל".

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גַאנְץ שְׁנֶעל צוגֶעכַאפְּט צו דֶעם גֶעשֶׁעפְט, גֶעעֶפֶנְט דֶעם סֵפֶר און אויפְגֶעזוכְט אַ קְלֵיין תּוֹרָה און אִיךְ זָאג אַייךְ עֶס יֶעצְט אִיבֶּער אויף אויסֶעוֶוייניג וַוייל אִיךְ גֶעדֶענְק דָאס פון אַזויפִיל מָאל חֲזֶרְ'ן. "שֶׁמַּעְתִּי שֶׁאִישׁ אֶחָד שָׁאַל אוֹתוֹ: כֵּיצַד הוּא הַבְּחִירָה, הֵשִׁיב לוֹ בִּפְשִׁיטוּת: שֶׁהַבְּחִירָה הִיא בְּיַד הָאָדָם בִּפְשִׁיטוּת, אִם רוֹצֶה עוֹשֶׂה, וְאִם אֵינוֹ רוֹצֶה אֵינוֹ עוֹשֶׂה וְרָשַׁמְתִּי זֹאת, כִּי הוּא נִצְרָךְ מְאֹד, כִּי כַּמָּה בְּנֵי-אָדָם נְבוֹכִים בָּזֶה מְאֹד, מֵחֲמַת שֶׁהֵם מֻרְגָּלִים בְּמַעֲשֵׂיהֶם וּבְדַרְכֵיהֶם מִנְּעוּרֵיהֶם מְאֹד, עַל- כֵּן נִדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵין לָהֶם בְּחִירָה, חַס וְשָׁלוֹם, וְאֵינָם יְכוֹלִים לְשַׁנּוֹת מַעֲשֵׂיהֶם אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵן, כִּי בְּוַדַּאי יֵשׁ לְכָל אָדָם בְּחִירָה תָּמִיד עַל כָּל דָּבָר, וּכְמוֹ שֶׁהוּא רוֹצֶה עוֹשֶׂה וְהָבֵן הַדְּבָרִים מְאֹד: (תּוֹרָה ק"ד חֵלֶק שֵׁנִי)

בִּנְיָמִין דו גֶעדֶענְקְסְט עֶס טַאקֶע אַזוֹי גוט!



יָא! נִישְׁט נָאר וָואס אִיךְ גֶעדֶענְקְט דִי וֶוערְטֶער, נָאר אויךְ דָאס פְּלַאם וָואס דָאס הָאט אִין מִיר אַרַיינְגֶעפְלַאקֶערְט, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט און אִיבֶּערְגֶעקַייט דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער, דָאס הָאט זִיכֶער גֶע'פּוֹעֶלְט אִין מַיין נְשָׁמָה אַ קֶשֶׁר צום הֵיילִיגְן רֶבִּ'ין צו וֶועם אִיךְ בִּין טַאקֶע גֶעוָוארְן מְקֻשָּׁר שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן.

אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אֵיין תּוֹרָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶע'חַזְרְ'ט, תּוֹרָה קנ"ז אִין עֶרְשְׁטְן חֵלֶק. "אִם יִתְדַּבֵּק עַצְמוֹ לְדִבְרֵי הַתּוֹרָה הַיּוֹצְאִים מִפִּי הַצַּדִּיק, תָּמֵהַּ אֲנִי אֵיךְ אֶפְשָׁר אַחַר-כָּךְ לִסְבֹּל וְלַחְפֹּץ חַיֵּי הָעוֹלָם הַזֶּה. 'כָּל הַנֶּהֱנֶה מִדִּבְרֵי תּוֹרָה נוֹטֵל חַיָּיו מִן הָעוֹלָם'.

גֶעוואלְדִיג בִּנְיָמִין, דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער גֶעבְּן אַזַא חִיוּת אַז מֶען דַארְף שׁוֹין מֶער נִישְׁט דִי נַארִישְׁקֵייטְן פון דֶער וֶועלְט! הָאסְט נָאךְ עֶפֶּעס צוצולֵייגְן צו דַיין מַעֲשֶׂה'לֶע?

יָא, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ פֶעטֶער וָואס אִיז לַיידֶער גֶעוָוארְן נִישְׁט גֶעזונְט, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צו אַזַא מַצָּב אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט לֵיינֶען אִין קֵיין סֵפֶר. וֶוען אִיךְ בִּין אִים גֶעקוּמֶען בַּאזוכְן, הָאט עֶר מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אִים פַארְצֵיילְן עֶפֶּעס אַ מַעֲשֶׂה. אִיךְ בִּין שׁוֹין דַאן גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר, הָאבּ אִיךְ אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם 'חָכָם און תָּם'. עֶר הָאט גָאר שְׁטַארְק הֲנָאָה גֶעהַאט, און דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גוטֶע צֵדָה לַדֶּרֶךְ אויפְן לַאנְגְן וֶועג וואו עֶר אִיז גֶעצֵיילְטֶע טֶעג נָאכְדֶעם גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי הֵיילִיגְן מַעֲשֶׂה... צו דִי אַנְדֶערֶע וֶועלְט...

המשך אויפן לעצטן זייט

# דֶער בַּעַל תְּפִלָּה
~1~




און זַיין סֵדֶר אִיז גְעוֶוען. עֶר פְלֶעגְט אַמָאל אַרַיין צוּ גֵיין אִין יִישׁוּב אַרַיין. און עֶר פְלֶעגְט אַרַיין צוּגֵיין צוּ עֶפֶּעס אַ מֶענְטְשְׁן מִן הַסְתָּם פְלֶעגְט עֶר אַרַיין גֵיין צוּ קְלֵיינֶע לַייט. דְהַיְינוּ אָרִימֶע לַייט און נָאךְ אַזוֹי אֵיין גְלַייכִין.

און עֶר פְלֶעגְט מִיט דֶעם מֶענְטְשְׁן אָנְהֵייבִּין צוּ שְׁמוּסִין פוּן דֶעם תַּכְלִית פוּן גָאר דֶער וֶועלְט. בַּאֲשֶׁר אַז צוּם אֱמֶת אִיז קֵיין שׁוּם תַּכְלִית נִישְׁט פַארְהַאנְדִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. נָאר מֶען זָאל גָאט דִינֶען ווייל מֶען לֶעבְּט. און מֶען זָאל זִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי יָארִין נָאר מִיט תְּפִלָּה צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ און מִיט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכוּ'.

און עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ צוּ שְׁמוּסִן מִיט דֶעם מֶענְטְשְׁן אַזוֹינֶע רֵייד וָואס עֶר זָאל יֶענֶעם דֶערְוֶועקִין. בִּיז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען יֶענֶעם אִין דֶעם הַארְצִין אַרַיין. בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְרוּצֶּה גִיוָוארְן אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּם אִים בַּאהֶעפְטִין.

און תֵּיכֶף ווִי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְרוּצֶּה גִיוָוארְן מִיט אִים. הָאט עֶר אִים תֵּיכֶף גִינוּמֶען און הָאט אִים גִיפִירְט אוֹיף זַיין אָרְט וָואס עֶר הָאט גִיהַאט חוּץ לְיִשּׁוּב (דְהַיְינוּ אַרוֹיס פוּן דֶעם יִישׁוּב. נִישְׁט ווִי מֶענְטְשְׁן זִיצִין)

דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען. און זֵיי פְלֶעגִין עֶסִין פוּן דִי פֵּירוֹת. און אוֹיף קְלֵיידֶער הָאבִּין זֵיי גָאר נִישְׁט גִיקוּקְט. וִוי מֶען גֵייט גֵייט מֶען.

און אַזוֹי פְלֶעגְט זַיין סֵדֶר צוּ זַיין פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה תָּמִיד. וָואס עֶר פְלֶעגְט אַלְץ אַרַיין צוּ גֵיין אִין יִישׁוּב אַרַיין.

און פְלֶעגְט אִיבֶּער רֶעדְן מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלִין גֵיין מִיט זַיין וֶועג אַז זֵיי זָאלִין נָאר גָאט ב"ה דִינֶען זֵיי זָאלִין נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִילוֹת וְכוּ' און וֶוער סֶע הָאט אִים צוּ גִיהֶערְט פְלֶעגְט עֶר אִים צוּ נֶעמֶען און פְלֶעגְט אִים פִירִין אוֹיף זַיין אָרְט חוּץ לְיִישּׁוּב כַּנַּ"ל.

און זֵיי פְלֶעגִין דָארְט עוֹסֵק זַיין נָאר אִין תְּפִילוֹת און שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ און ווִידוּיִים און תַּעֲנִיתִים און סִיגוּפִים (דְהַיְינוּ פַּיינִיקִין זִיךְ דֶעם גוּף) און תְּשׁוּבָה און דֶעסְט גְלַייכִין און דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט זֵיי גִיבִּין זַיינֶע חִיבּוּרִים (דְהַיְינוּ סְפָרִים) וָואס עֶר הָאט גִיהַאט פוּן תְּפִילוֹת און שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת און ווִידוּיִים.

און זֵיי פְלֶעגִין עוֹסֵק זַיין דְרִינֶען תָּמִיד. בִּיז סֶע פְלֶעגְט זִיךְ שׁוֹין צוּ גִיפִינֶען צְווִישְׁן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. וָואס עֶר הָאט אַהִין גִיבְּרַאכְט אַזוֹינֶע וָואס זֵיי הָאבִּין שׁוֹין אוֹיךְ גִיקָאנְט בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. פְלֶעגְט עֶר אַמָאל גִיבִּין רְשׁוּת צוּ אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. אַז עֶר זָאל שׁוֹין אוֹיךְ גֵיין אִין יִישּׁוּב

אַרײַן און זָאל דֶערְוֶועקִין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבִּירְשְׁטְן. אַז זֵיי זָאלִין נָאר גָאט דִינֶען.

אַזוֹי הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זִיךְ אַלְץ גִיפִירְט. און פְלֶעגְט אַלֶע מָאל מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן. און פְלֶעגְט זֵיי אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם יִישׁוּב כַּנַ"ל. בִּיז סֶע אִיז גִיוָוארִין אֵיין רוֹשֶׁם אוֹיף דֶער וֶועלְט (כְּלוֹמֶר מֶען הָאט דִי זַאךְ אָנְגִיזֶעהְן אוֹיף דֶער וֶועלְט)

און דִי זַאךְ הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין מְפוּרְסָם צוּ וֶוערִין. וָוארִין פְּלוּצִים זֶענֶען פַארְפַלִין גִיוָוארִין מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער מְדִינָה. און מֶען הָאט נִישְׁט גְווּאוּסְט וִוי זֵיי זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען. בַּיי דֶעם אִיז פַארְפַאלִין גִיוָוארִין אֵיין זוּן בַּיי דֶעם אֵיין אֵיידִים.

און מֶען הָאט נִישְׁט גְווּאוּסְט וואוּ זֵיי זֶענֶען. בִּיז מֶען אִיז גִיוָואר גִיוָוארִין. אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. וָואס עֶר גֵייט אוּם און רֶעט אָן מֶענְטְשְׁן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. נָאר חַאפְּן הָאט מֶען אִים נִישְׁט גִיקָאנְט. וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט זִיךְ פִירִין מִיט גְרוֹיס חָכְמָה. און פְלֶעגְט זִיךְ בַּיי אִיטְלִיכְן פַארְשְׁטֶעלִין אַנְדֶערְשׁ.

בַּיי דֶעם הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אֵיין אָרִים מַאן. און בַּיי דֶעם פַאר אֵיין סוֹחֵר. און בַּיי דֶעם הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלְט. און דֶערְצוּ אַז עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען שְׁמוּסִין מִיט אַ מֶענְטְשְׁן. אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר קָאן בַּיי דֶעם מֶענְטְשְׁן נִישְׁט פוּעֶלִין דָאס וָואס עֶר וִויל.

פְלֶעגְט עֶר דֶעם מֶענְטְשְׁן אַזוֹי פַארְדְרֵיעֶן מִיט רֵייד. בִּיז סֶע גָאר נִישְׁט גִימָאלְט גִיוֶוען צוּ פַאלְן אַז עֶר מֵיינְט דָאס דָאזִיגֶע דְהַיינוּ אַז עֶר זָאל אִים מְקָרֵב זַיין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. און סֶע נִישְׁט גִימָאלְט גִיוֶוען צוּ שְׁטוֹיסִין זִיךְ אַז עֶר מֵיינְט דָאס. חָאטְשֶׁע צוּם אֶמֶת אִיז גָאר זַיין כַּוָּונָה גִיוֶוען נָאר דָאס.

וָוארִין וָואס עֶר הָאט גִישְׁמוּסְט און גִירֶעט מִיט לַייט. הָאט עֶר מֶער נִישְׁט גִימֵיינְט נָאר דָאס. דְהַיינוּ אַז עֶר זָאל מְקָרֵב זַיין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. נָאר וִוי עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר פוּעֶלְט בַּיי דֶעם נִישְׁט.

פְלֶעגְט עֶר אִים אַזוֹי מְרַמֶּה זַיין און פַארְשְׁטֶעלִין מִיט רֵייד בִּיז יֶענֶער הָאט גִימֵיינְט אַז עֶר וִויל גָאר נִישְׁט דָאס. (אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה נִישְׁט גִיקָאנְט חַאפִּין)

הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה עוֹסֵק גִיוֶוען אַלְץ אִין דֶער זַאךְ כַּנַ"ל בִּיז סֶע גִיוָוארִין אַ רוֹשֶׁם און אַ פִּרְסוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט. און מֶע הָאט גִיוָואלְט אִים חַאפִּין נָאר סֶע אִיז נִישְׁט גִימָאלְט גִיוֶוען כַּנַ"ל.

אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט זַיינֶע לַייט גִיזֶעסִין חוּץ לְיִישׁוּב. און זֵיי הָאבִּין עוֹסֵק גִיוֶועק נָאר אִין תְּפִלָּה און שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת צוּ גָאט בָּרוּךְ הוּא און ווִידוּיִים און תַּעֲנִיתִים און סִיגוּפִים און תְּשׁוּבוֹת.

און דִי זַאךְ פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אִיז גִיוֶוען עֶר הָאט גִיקֶענְט אִיטְלִיכְן מַסְפִּיק זַיין (כְּלוֹמֶר עֶר זָאל אִיטְלִיכְן גִיבִּין) וָואס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט. אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אִין אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע לַייט. אַז נָאךְ זַיין מוֹחַ נָאךְ. בַּאדַארְף עֶר צוּ גָאטְס דִינְסְט. אַז עֶר זָאל גֵיין אָנְגִיטָאן אִין גִילְדְן גִישְׁטִיק. הָאט עֶר עֶס אִים מַסְפִּיק גִיוֶוען און אַזוֹי פַארְקֶערְט.

אַמָאל אִיז צוּ אִים מְקוּרָב גִיוָוארְן אֵיין עוֹשֶׁר און עֶר הָאט אִים אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן דֶעם יִישׁוּב. און עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער עוֹשֶׁר בַּדַארְף צוּ גֵיין אָפְּגִירִיסְן. הָאט עֶר אִים אַזוֹי גִיפִירְט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גְווּאוּסְט. וִוי אַזוֹי מֶע בַּאדַארְף אִיטְלִיכִין צוּ פִירִין אַזוֹי הָאט עֶר אִים מַסְפִּיק גִיוֶוען.

און בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר הָאט זֵיי מְקָרֵב גִיוֶוען צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אִיז בַּיי זֵיי אַ תַּעֲנִית און דֶער גְרֶעסְטֶער סִיגוּף (דְהַיינוּ פַּיינִיקִין זִיךְ) טַייעֶרֶער גִיוֶוען פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיהַאט תַּעֲנוּג פוּן דֶעם גְרֶעסְטִין סִיגוּף

אָדער פון אַ תַּעֲנִית מֶער אײדער פון אַלע תַּעֲנוּגִים פון דֶער וועלְט.

וַיְהִי הַיּוֹם און סֶע גִיוֶועזְן אַ מְדִינָה. וָואס דָארְט אִיז גִיוֶועזְן גְרוֹיס עֲשִׁירוּת. זֵיי זֶענֶען אַלֶע גִיוֶועזְן עֲשִׁירִים נָאר דָאס פִּירִיכְץ פוּן דֶער מְדִינָה אִיז גִיוֶועזְן זֵייעֶר מֵיצַר.

וָוארִין סֶע הָאט זִיךְ בַּיי זֵיי אַלְץ גִיפִירְט וֶועדְלִיג דֶעם עֲשִׁירוּת. אִיטְלִיכְנְס מַעֲלָה און אִיטְלִיכִינְס כָּבוֹד. אִיז נָאר גִיוֶועזְן וֶועדְלִיג זַיין עֲשִׁירוּת. סֶע אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגִיזֶעצְט גִיוֶועזְן. אַז דֶער וָואס עֶר הָאט זַיין אֵייגֶענְס אַזוֹי פִּיל אַלָפִים אָדֶער רְבָבוֹת (פִּיל טוֹיזִינְט) גֶעלְט. קוּמְט אִים דִי מַעֲלָה און דֶער כָּבוֹד.

און דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִּיל און אַזוֹי פִּיל גֶעלְט קוּמְט אִים אֵיין אַנְדֶערֶע מַעֲלָה. און אַזוֹי אַלֶע מַעֲלוֹת בַּיי זֵיי אִיז אַלְץ גִיוֶועזְן וֶועדְלִיג דֶעם גֶעלְט וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט גִיהַאט.

און דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִּיל און אַזוֹי פִּיל אֲלָפִים וּרְבָבוֹת. וִוי אַזוֹי סֶע דָארְט בַּיי זֵיי אוֹיס גִיזֶעצְט גִיוֶועזְן דֶער אִיז שׁוֹין אַ מֶלֶךְ.

און אַזוֹי הָאבִּין זֵיי גִיהַאט פָּאנֶען. אַז דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִּיל גֶעלְט. אִיז עֶר אִין דֶער פָּאן. און סֶע קוּמְט אִים דִי מַעֲלָה און דֶער כָּבוֹד אִין דֶער פָּאן. און דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִּיל גֶעלְט. אִיז עֶר אִין אֵיין אַנְדֶערֶע פָּאן. און סֶע קוּמְט אִים דָארְט דִי מַעֲלָה אִין יֶענֶער פָּאן. אַלְץ וֶועדְלִיג זַיין גֶעלְט

און סֶע בַּיי זֵיי אוֹיף אַלִימֶען אוֹיס גִיזֶעצְט גִיוֶועזְן וְוִיפִּיל גֶעלְט עֶר זָאל הָאבְּן. אַז עֶר זָאל הָאבִּין דִי מַעֲלָה אִין דֶער פָּאן. און וְוִיפִּיל גֶעלְט עֶר זָאל הָאבִּין אַז עֶר זָאל שׁוֹין זַיין אִין אֵיין אַנְדֶערֶע פָּאן. און זָאל דָארְט עֶפֶּעס הָאבִּין אֵיין מַעֲלָה. און אַ

און אַזוֹי אִיטְלִיכְן מֶענְטְשְׁנְס כָּבוֹד און גָאר זַיין מַעֲלָה אִיז אַלְץ גִיוֶועזְן רַק וֶועדְלִיג זַיין גֶעלְט וָואס עֶר הָאט גִיהַאט. אַזוֹי וִוי בַּיי זֵיי אִיז אוֹיס גִיזֶעצְט גִיוֶועזְן אוֹיף אִיטְלִיכֶער מַעֲלָה און כָּבוֹד וְוִיפִּיל גֶעלְט עֶר בַּאדַארְף צוּ הָאבְּן.

און אזוֹי אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגִיזֶעצְט גִיוֶועזְן. אַז עֶר הָאט נָאר אַזוֹי פִּיל גֶעלְט. אִיז עֶר אַ גְלַאטֶער מֶענְטְשׁ. און אַז עֶר הָאט אָבֶּער נָאךְ וֵוייִנִיגֶער. אִיז עֶר שׁוֹין גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט. נָאר עֶר אִיז אַ חַיָה אָדֶער אֵיין עוֹף. (דְהַיְינוּ דָאס אִיז נָאר אַ חַיָה וָואס הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ מֶענְטְשׁ).

און סֶע אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶועזְן חַיוֹת און עוֹפוֹת דְהַיְינוּ אַז עֶר הָאט נָאר אַזוֹי אַבִּיסִיל גֶעלְט אִיז דָאס נָאר אַ לֵייבּ דָאס אִיז אַ מֶענְטְשְׁלִיכֶער לֵייבּ און אַז עֶר הָאט נָאר אַזוֹי אַבִּיסְל גֶעלְט אִיז עֶר נָאר אֵיין עוֹף.

און אַזוֹי הָאבִּין זֵיי גִיהַאט אַנְדֶערֶע חַיוֹת און עוֹפוֹת. וָוארִין דֶער וָואס עֶר הָאט וֵוינִיג גֶעלְד. דֶער אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט בַּיי זֵיי. נָאר עֶר אִיז אַ חַיָה אָדֶער אֵיין עוֹף.

וָוארִין בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר דָאס גֶעלְט גִיוֶועזְן. און דִי מַעֲלָה און דֶער כָּבוֹד פוּן אִיטְלִיכְן אִיז נָאר גִיוֶועזְן וֶועדְלִיג דֶעם גֶעלְט.

הָאט מֶען גִיהֶערְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַזוֹי אַ מְדִינָה.

הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זֵייעֶר אַ גְרוֹיסִין קְרֶעכְץ גִיטָאן דְרוֹיף. און עֶר הָאט גִיזָאגְט וֶוער וֵוייסְט. וִוי הִין דִי דָאזִיגֶע קָאנֶען פַארְגֵיין דוּרְךְ דֶעם.

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ____________

טעלפאן ____________

שטאט ____________

## בחינה אויף ספורי מעשיות

### די צוועלעפטע מעשה (1) - מבעל תפילה

**א. אין וואס האט דער בעל תפילה שטענדיג עוסק געווען?**
- ❑ אין תפילות
- ❑ אין שירות און תשבחות צו השי"ת
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואו איז דער בעל תפלה געזעסן?**
- ❑ אין בית המדרש
- ❑ אין ישוב
- ❑ חוץ לישוב

**ג. צו וועלכע סארט מענטשן פלעגט דער בעל תפילה צו אריין גיין?**
- ❑ מן הסתם צו ארימע לייט
- ❑ מן הסתם צו רייכע מענטשן
- ❑ מן הסתם צו גבורים

**ד. וואס האט דער בעל תפילה געזאגט אז וואס איז דער תכלית אויף דער וועלט?**
- ❑ נאר מ'זאל דינען דעם אויבערשטן
- ❑ נאר צו טאהן אין משא ומתן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. ווען א מענטש איז מרוצה געווארן צו אים, צו וואו האט ער אים געפירט?**
- ❑ אין זיין בית המדרש
- ❑ אין זיין שטוב
- ❑ אויף זיין ארט חוץ לישוב

**ו. וואס איז דארטן געווען?**
- ❑ א טייך
- ❑ביימער און פירות
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. אויף וואס האבן זיי גאר נישט געקוקט?**
- ❑ אויף וואו צו שלאפן
- ❑ אויף קליידער
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. אין וואס האבן זיי דארטן עוסק געווען חוץ לישוב?**
- ❑ אין תפלות שירות ותשבחות
- ❑ אין ווידויים און תעניתים און סיגופים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. ווען האט ער געגעבן פאר זיינע מענטשן רשות אריין צוגיין אין ישוב צו דערוועקן מענטשן צום אייבערשטן?**
- ❑ גלייך ווען מ'איז געקומען צו אים
- ❑ ווען זיי זענען שוין געווארן גרויסע צדיקים
- ❑ ווען זיי האבן שוין געקענט ברענגען מענטשן צו השי"ת

**י. וויאזוי איז מען געווואר געווארן פון דעם בעל תפלה?**
- ❑ווייל פלוצים זענען פארלוירן געווארן מענטשן און מ'האט נישט געוואוסט אוואו זיי זענען
- ❑ווייל פלוצים איז ביי איינעם פארלוירן געווארן א זוהן און מ'האט נישט געוואוסט אוואו ער איז
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. פארוואס האט מען נישט געקענט כאפן דעם בעל תפלה?**
- ❑ ווייל ער פלעגט זיך ביי יעדעם פארשטעלן אנדערש ביי איינעם וואו א ארימאן און ביי איינעם וואו א סוחר
- ❑ווייל ער איז געווען א רואה ואינו נראה
- ❑ ווייל ער האט געמאכט א מופת מ'זאל אים נישט קענען כאפן

**יב. וואס איז געווען טייערער ביי די מענטשן פון בעל תפילה מער פון אלע תענוגים?**
- ❑ גאלד און זילבר
- ❑ כבוד
- ❑ א תענית און דער גרעסטער סיגוף

**יג. ווער האט געקענט זיין קעניג אין די מדינה פון עשירות?**
- ❑ ווער ס'האט געהאט אזויפיל אלפים ורבבות, וואס איז געווען ביי זיי אפגעמאכט אז פאר אזויפיל געלט איז מען א קעניג
- ❑ ווער ס'איז געווען זייער שטארק
- ❑ דער אייניקל פון ערשטן קעניג

**יד. ווער האט געהייסן א חי' אדער א עוף אין די מדינה?**
- ❑ ווער ס'האט זיך אויפגעפירט וואו א חי' אדער ווי א פייגל
- ❑ ווער ס'האט שטענדיג געוויינט צום אייבירשטן
- ❑ ווער ס'האט געהאט גאר ווייניג געלט

**טו. וואס האט דער בעל תפילה געזאגט אויף די מדינה פון עשירות?**
- ❑ ער האט זייער געקרעכצעט און געזאגט ווער ווייסט ווי זיי קענען נאך פארגיין דורך דעם
- ❑ ער האט גאר נישט געזאגט אויף זיי
- ❑ ער האט געזאגט אז זיי האבן מער נישט קיין האפנונג

**טז. וואס לערנסטו זיך דערוויל ארויס פון די מעשה?**
- ❑ אז דער גאנצער תכלית אויף דער וועלט איז______
- ❑ אז א תענית קען זיין געשמאקער פון אלע תענוגים אויף דער וועלט
- ❑ ________________.

**און זיי פלֶעגְן דָארְט עוֹסֵק זַיין נָאר אִין תְּפִלּוֹת און שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת צו הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - מיט אסאך הצלחה!!!**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5-3333-72 L3233287@gmail.com

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין
אינעם גורל, 02-5-3333-72
1-518-329-9149 646-518-1095

## דער ריינער קוואַל

המשך פון זייט 1



צוּם בַּיישְׁפִּיל וֶוען דֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז "עִיקָר הַחַיּוּת מְקַבְּלִין מֵהַתְּפִלָּה" דֶער עִיקָר חִיּוּת בַּאקוּמְט מֶען פוּן דַאוֶוענֶען, דַארְפְן מִיר קְלָאר וִויסְן אוּן גְלֵייבְן אַז דָאס אִיז אוּנְזֶער לֶעבְן "**דַאוֶוענֶען**", וִוילְסְט אַ גוּטְן לֶעבְן? דַאוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט כַּוָּונָה, חֵשֶׁק אוּן שִׂמְחָה. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מִיר רֶעדְן זִיךְ אוֹיס צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אָדֶער וֶוען מִיר זָאגְן לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת מִיט תְּהִלִּים בַּאקוּמֶען מִיר פְרִישֶׁע חִיּוּת.

וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז "**מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד**" עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, דַארְפְן מִיר זַיין פְרֵיילִיךְ! אוּן בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי עֵצָה פוּן שִׂמְחָה, וַוייל דֶער בַּעַל דָבָר פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דֶער לֶענְג אוּן בְּרֵייט אַוֶועקְצוּנֶעמֶען דִי נַאטוּרְלִיכֶע שִׂמְחָה וָואס יֶעדֶער אִיד וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט הָאבְן אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ, וִויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִים לוֹיבְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט פַאר אוּנְז.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן מִיר פָאלְגְן אַלֶע עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בְּקָרוֹב מַמָּשׁ זָאל שׁוֹין זַיין דִי גְּאוּלָּה הַשְּׁלֵמָה בְּרַחֲמִים אָמֵן.

## מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

המשך פון זייט 3

דֶער פֶּעטֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְרוּפְן אַלְס בְּרֶסְלֶבֶ'ער, אָבֶער וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעוֶוען גַאנְץ יוּנְג דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ וֶוען אֵיין יָאר חוֹל הַמּוֹעֵד סֻכּוֹת בִּין אִיךְ גֶעזֶעצְן אִין סוּכָּה בַּיי מַיין זֵיידְן אוּן דֶער פֶּעטֶער הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט צוּ אִיךְ וִויל לֶערְנֶען מִיט אִים, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ צוּגֶעשְׁטִימְט, עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט אַ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, וָואס טְרַאכְט אִיר?? וֶועלְכֶע תּוֹרָה הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִינְגֶל לֶערְנֶען?

"תּוֹרָה רפ"ב?!" נֵיין! "אֶפְשָׁר תּוֹרָה ער"ב??" גְרַאדֶע אוֹיךְ זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר יֶעדְן אִינְגֶל צוּ קֶענֶען דִי תּוֹרָה, אָבֶער נֵיין, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט מִיר תּוֹרָה מ"ח אִין צְוֵוייטְן חֵלֶק, דִי בְּרִיוֶועלֶע תּוֹרָה! בְּרוּדֶער שְׁטַארְק דִיךְ!!! הַאלְט זִיךְ!!!

דִי תּוֹרָה אִיז מַמָּשׁ גֶעאֵייגְנְט פַאר קִינְדֶער, וַוייל דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן אַזוֹי: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרַיין אִין עֲבוֹדַת ה', זֶעט אִים אוֹיס אַז מֶען דֶערְוַוייטֶערְט אִים: נָא! וֶוער גֵייט אַרַיין אִין עֲבוֹדַת ה'?! אַ אִינְגֶל, אַ בָּחוּר, אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס וִויל וֶוערְן פְרִישׁ וִוי אַ אִינְגֶל! זָאגְט דֶער רֶבִּי דָארְט אַז מֶען דַארְף זַיין אַן עַקְשָׁן!! זַיין פֶּעסְט בַּיי זִיךְ, אֲפִילוּ מֶען טְרַאסְקֶעט דִיר אַוֶועק חַס וְשָׁלוֹם פוּן בַּאשֶׁעפֶער, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז סְ'זֶעט נָאר אוֹיס אַזוֹי.. אָבֶער בֶּאֱמֶת זֶענֶען דִי אַלֶע יְרִידוֹת גָאר עֲלִיּוֹת..

אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶעזֶעצְן דָארְט אִין סוּכָּה אוּנְטֶער דֶעם שָׁאטְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְכַךְ, אוּן אַרַיינְגֶעקָאכְט אִין דֶעם תּוֹרָה'לֶע.

גֶעוַואלְדִיג בִּנְיָמִין, אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר דַיין הֶערְלִיכֶע בְּרִיוו. אָחִי חֲזַק וֶאֱמַץ עַצְמְךָ! בְּרוּדֶער, הַאלְט זִיךְ פֶּעסְט!!